בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה   אִישׁ אֱמוּנוֹת

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ דָאךְ פְּלָאגְן?.................. א

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אֲפִילוּ וֶוען דִי פַּרְנָסָה טוֹיג נִישְׁט?....... ד

זָאל אִיךְ טוֹישְׁן מֵיין לְבוּשׁ פוּן חַבַּ"ד צוּ בְּרֶסְלֶב?......................................... ו

אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז מֶען צִיעט זֵייעֶר לַאנְג?............................ ח

מֶעג אִיךְ אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ ווַייל יֶענֶער אִיז נִישְׁט חַסִידִישׁ?........................... י

אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין תְּשׁוּבָה, וֶוען אִיךְ ווֵייס זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת?........................... יב

וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין ווַייבּ וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן?........................ טו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן?.............................. יז

דֶער בָּחוּר זָאל בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן אִין דָארְמֶעטָארִי... א

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי צַעַר אוּן לֵיידְן.......................... ב

גֶעבּ צְדָקָה בֶּעפָאר דִי תְּפִילוֹת.......... ג

וִוי קֶען מֶען זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אַזַא אֵיינֶעם וָואס הָאט מְטַמֵא גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער?!............................ ד

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה............................ ו

אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי אַלְקָאהָאל........... ז

נִישְׁט ווַארְטְן אוֹיף הֶרְגֵּשִׁים אוּן אַ טַעַם אִין עֲבוֹדַת ה'........................ ח

טוּ תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט לַיידְן. י

קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען קוּמֶען צִי מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט................................................ יא

גֵייט צוּרִיק צוּ אַייעֶר מַאן........................ יב

אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן שֵׁיין אִין אוּמַאן....... יד

מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען רוּהִיג............ טו

יֶעדֶער מוּז עֶפֶּעס טוּן צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זַיין עֶרְלִיךְ............. טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ דָאךְ פְּלָאגְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַיֶה, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְ'ן גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס מֶען אִיז מֵפִיץ דָא אִין לָאנְדָאן, מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַזוֹי פִיל, מִיר זֶעעֶן דָאךְ אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ פְּלָאגְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה גְרִינְגֶערְהֵייט; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אַזוֹי גְרִינְג מִיטְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט גֶענוּמֶען דִי מִי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶערִיבֶּער טְרַאכְטְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ. דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס מֶען טוּט מִיטְ'ן (וַיִקְרָא כו, ג): "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ", וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם: "שֶׁתִּהְיוּ עֲמֵלִים בַּתּוֹרָה", - מֶען זָאל זִיךְ פְּלָאגְן אִין דִי תּוֹרָה; וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וָואלְסְטוּ גֶעזֶען אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גְרוֹיסֶע עַמְלוּת.

בְּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא עַמְלוּת בַּתּוֹרָה וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן אָן קַיין טַעַם וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עד): "יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה", עֶס אִיז דָא צְוַויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; עֶס אִיז דָא וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן פַארְשְׁטֵייט, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַז מֶען לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין. כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, "וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלוּ, הֵן בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה'", פַאר מֶען קוּמְט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - וָואס דָאס אִיז 'שִׂמְחַת תּוֹרָה', מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט אַ טַעַם אִין דֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס מֶען לֶערְנְט - דַארְף מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם שְׁטַאפְּל פוּן 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא', "כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לִשְׂפָתַיִם", עֲרָבוֹת זֶעט אוֹיס וִוי דִי לִיפְּן; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נוּצְן דִי לִיפְּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וִוי אַ מֶענְטְשׁ פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען, עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, עֶר לֶערְנְט גְמָרָא אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם - אִיז דָאס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן הָאט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער וִוייַבּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", פוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה לֶערְנְט מֶען מִיט גְרַייזְן.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן עַמֵילוּת בַּתּוֹרָה - פוּן זִיךְ פְּלָאגְן, אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל (פָּרָשַׁת בְּחֻקּוֹתַי, אוֹת ב), וואוּ עֶר גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין גָאר

פַארְקֶערְט. עֶר זָאגְט אַז דַוְקָא וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן אוֹפָן פוּן גִירְסָא - דָאס אִיז רִיכְטִיגֶע עַמְלוּת בַּתּוֹרָה, "כִּי הַלּוֹמֵד בַּתּוֹרָה וּמֵבִין וּמַכִּיר בְּפִלְפּוּל וּסְבָרַת הַתּוֹרָה וּמִתְעַנֵּג, לָזֶה לֹא נִקְרָא לִימּוּד הַתּוֹרָה עֲבוֹדָה וִיגִיעָה וְעָמָל, כִּי בָּזֶה שֶׁאָדָם נֶהֱנֶה וְשָׂמֵחַ לֹא יִיעָף וְלֹא יִגַּע", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס לֶערְנֶען אִיז דָאס נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע עַמְלוּת, וַוייל עֶר הָאט הֲנָאָה אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ וְכוּ', "כִּי רַק הַלּוֹמֵד תּוֹרָה מִתּוֹךְ הַדְּחַק וּמִתּוֹךְ טֵרוּף הַדַּעַת אַף שֶׁאֵינֶנּוּ מֵבִין בָּהּ הֵיטֵב", ווידֶערְאוּם וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, "וְאֵצֶל זֶה הַלּוֹמֵד עַל אוֹפֶן זֶה - אֶצְלוֹ נִקְרָא יְגִיעָה וַעֲבוֹדָה וְעָמָל, כִּי לֹא יַרְגִּישׁ הַתַּעֲנוּג מֵהַתּוֹרָה", בַּיי אַזַא אֵיינֶעם אִיז דָא עַמְלוּת בַּתּוֹרָה, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נָאךְ נִישְׁט דָאס זִיסְקֵייט, עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאךְ נִישְׁט אוּן עֶר זֶעט נָאךְ נִישְׁט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַ טַעַם דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אֲפִילוּ וֶוען דִי פַּרְנָסָה טוֹיג נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְּרָשׁוֹת, סְפֶּעצִיעֶל פוּן דִי דְּרָשׁוֹת פַאר פְּרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן.

לֶעצְטְנְס גֵייט דִי פַּרְנָסָה זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי אוּנְז, אַסַאךְ מָאל וֵוייסְן מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט פוּן וואוּ עֶס וֶועט קוּמֶען אַ פְּרוּטָה, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת. מַיין מַאן שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר, אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, טְרָאץ דִי שְׁוֶועריְקֵייטְן אִין פַּרְנָסָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אִיר זָאלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַייעֶר מַאן; גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הֵייבְּט אוֹיף זַיין מוּט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ זוּכְן פַּרְנָסָה, עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער מִיט פַּרְנָסָה.

עֶס אִיז דִי פְּרוֹי׳ס פְּלִיכְט אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם מַאן; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ״, אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ אוּן אַ נַארִישֶׁע פְּרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; פְּרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת אִין זִיךְ, זֵיי קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַלֵיינְס חָרוּב מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אַ שָׁאד אַז פְּרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת.

אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי הֵייבְּט אוֹיף אִיר מַאנ׳ס מוּט אוּן זִי גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער; בִּפְרַט אִין דִי צַייטְן וֶוען דֶער מַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט וְכוּ׳, וַוארְט זִי אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) אַז דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֵייעֶר קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן דִי פֶעלְד אַרְבֶּעט, וָואס הָאבְּן גֶעטוּן דִי פְרוֹיעֶן - דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת? זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אִין פֶעלְד צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר׳ן מַאן זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז בִּשְׁעַת זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער אִיז אַרַיין גֶעשְׁווּימֶען קְלֵיינֶע פִישׁ אִין זֵייעֶר קְרִיגְל אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער, אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ׳דִיגֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; זֶעט מֶען דִי כֹּחַ פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

אַז אִיר וֶועט מְחַזֵּק זַיין אַייעֶר מַאן וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע, וַוייל זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז תָּלוּי אִין אַייךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן סט): ״כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה״, דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז בִּזְכוּת דִי פְּרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ טוֹישְׁן מַיין לְבוּשׁ פוּן חַבַּ"ד צוּ בְּרֶסְלֶב?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ חַבַּ"ד'סְקֶער חָסִיד, אוּן פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד. אִין חַבַּ"ד אִיז דֶער מִנְהָג נִישְׁט צוּ לָאזְן וַואקְסְן לַאנְגֶע פֵּיאוֹת עַל פִּי סוֹד, וְוידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער מִנְהָג יָא צוּ לָאזְן לַאנְגֶע פֵּיאוֹת, זִיכֶער אוֹיךְ מִיט הוֹיכֶע עִנְיָנִים דֶערְבַּיי.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חַבַּ"ד אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ בְּרֶסְלֶב, אוֹיב זָאל אִיךְ לָאזְן וַואקְסְן לַאנְגֶע פֵּיאוֹת אַזוֹי וִוי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים, אָדֶער זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעפִירְט אִין חַבַּ"ד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וֵוייסְטוּ אַוַודַאי אַז בְּרֶסְלֶב מִיט חַבַּ"ד זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם אוּן מֶען הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט; דֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיט'ן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר'ן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן; גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק, נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא אוּן עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן רסד; שיח).

אוֹיךְ אִיז דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת צוּם רֶבִּי'ן (שַׁבַּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תק"ע). וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶעפָארְן מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט וְכוּ' (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתצב).
~~~~~~~~~~~

ווען עס איז געוואָרן די מַחְלוֹקֶת אויפן רֶבִּי'ן האָט דער בַּעַל הַתַּנְיָא געזאָגט: "איך בין נישט ווי די אַלע וואָס זענען מְחַזֵּק רֶבִּי נַחְמָן, נאָר איך מיט אים זענען איינס, ווער עס טשעפּעט רֶבִּי נַחְמָן טשעפּעט מיר וְכוּ'".

זעט מען פון דעם אַז מען דאַרף נישט אָפּלאָזן די אַלטע וועג וְכוּ', מען קען זיין ביידע אינאיינעם. בלייב אויפן וועג ווי דו און דיין מִשְׁפָּחָה גייען, דער עִיקָּר זאָלסטו נעמען די הִתְחַזְּקוּת און די עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן, בִּפְרַט די עֵצָה פון הִתְבּוֹדְדוּת - זיך אויסשמועסן דאָס האַרץ מיט'ן אייבערשטן אויף די אייגענע שפּראַך.

דער הייליגער רֶבִּי נָתָן האָט דערציילט אַז אין אָנהייב פון זיין הִתְקָרְבוּת צום הייליגן רֶבִּי'ן איז דער רֶבִּי אַמאָל געגאַנגען מיט אים אויף אַ שפּאַציר; דער רֶבִּי האָט גערעדט מיט אים זייער שיינע זאַכן און אים זייער מְחַיֶּה און מְחַזֵּק געווען, אַזוֹי שפּאַצירנדיג האָט דער רֶבִּי אַרויף געלייגט זיין האַנט אויף רֶבִּי נָתָנ'ס אַקסל און אים געזאָגט בלויז געציילטע ווערטער, וואָס די פּאָר ווערטער האָבן אים מְחַיֶּה' געווען זיין גאַנצע לעבן; דער הייליגער רֶבִּי האָט אים געזאָגט: **"און ווייטער איז זייער גוט, אַז מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן אייבערשטן אַזוֹי ווי מען רעדט זיך אויס פאַר אַ גוטן פריינד"**; דער רֶבִּי האָט אים דעמאָלט אַנפּלעקט די זאַך פון הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מענטש זאָל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין שפּראַך וואָס ער איז צוגעוואוינט צו רעדן, אים אַלעס דערציילן און גאָרנישט פאַרהוילן פון'עם אייבערשטן.

האָט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שפּעטער דערציילט: "ווען דער רֶבִּי האָט אַרויף געלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און מיר געזאָגט די ווערטער: **'און ווייטער איז זייער גוט, אַז מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן אייבערשטן אַזוֹי ווי מען רעדט זיך אויס פאַר אַ גוטן פריינד'**, האָב איך גלייך געשפּירט אַז איך האָב שוין אַ וועג צו מַצְלִיחַ צו זיין אין לעבן, ווייל וואָס עס זאָל נאָר נישט אַריבער גיין אויף מיר וועל איך זיך נישט פאַרלירן, נאָר גיין צום אייבערשטן און אים אַלעס דערציילן (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד)".

דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט מַצְלִיחַ זיין אין אַלע דיינע וועגן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוט געבענטשט יאָר.

...

~~~~~~~~~~~

**איך וויל דאַווענען מיט מנין, וואָס טו איך אָבער אַז מען ציעט זייער לאַנג?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,
~~~~~~~~~~~

איך בִּין אַ אִינגֶערמַאן, מִיט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערלֶעךְ ב"ה, איך בִּין ב"ה זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין פַּרְנָסָה, אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת בִּין אִיךְ אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער אִינגֶערְמַאן, און אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ גֶעפִיל צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַמָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען שְׁטֶערְקֶער און אַמָאל שְׁוַואכֶער, אַזוֹי וְוי בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

מִיט עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָבֶּער בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אֵיינֶעם, און פוּן דֶעם בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, און אִיךְ מוּז זָאגְן אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מִיר מַמָּשׁ אִינגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אִיךְ בִּיז יֶעצְט, אָבֶּער דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר לֵייגְט עֶס אַרָאפּ מִיט אַזַא פַּשְׁטוּת, אַז יֶעדֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ הוֹיבּ אוֹיף, אַ שָׁאקְל אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, און צוּרִיק לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט צוּם עֶרְשְׁטְן פַארְשְׁטַאנֶען.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פִיל חִיזוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן פִיר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ וואוֹין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע מִנְיָנִים שַׁחְרִית יֶעדְן טָאג, אִיךְ פְּרוּבִיר אַלְץ צוּ דַאוֶוענֶען מִיטְ'ן עֶרְשְׁטְן מִנְיָן אִינְדֶערפְרִי, אוֹיבּ אָבֶּער פַארְשְׁפֶּעטִיג אִיךְ דֶעם מִנְיָן, מוּז אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיטְ'ן צְווייטְן מִנְיָן פוּנֶעם רָב דָאהִי, און דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווייל מֶען צִיעט אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען מוֹרָא'דִיג לַאנְג און עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ אוֹיף דִי נֶערְוֶוען, אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע שַׁחְרִית נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג וִוי דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגְן דַאוֶוענֶען אִין אַ נָארְמַאלֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת נָאכְ'ן אוֹיסְטְרֶעטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וַוארְטְנְדִיג אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאל אָנְהוֹיבְּן דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעיָאגְט צוּ לֶערְנֶען נַיין פְּרָקִים אִין דִי צַייט, דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט קַיין עֵסֶק, און דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען בְּיְחִידוּת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה ווִיל אִיךְ יָא דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא לַאנְגֶע מִנְיָן. וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא צַייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן?" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? - "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דִי צִיבּוּר דַאוְונְט.**

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ח.): "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוְונְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז): "וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם, וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר", אוֹיב מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִילָה אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילָה אַזוֹי וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. אַז מֶען דַאוְונְט זֵייעֶר לַאנְג אוּן עֶס בְּלַייבְּט דִיר אִיבֶּער אַסַאךְ צַייט פוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בִּיז דֶער בַּעַל תְּפִילָה הֵייבְּט אָן וְכוּ' - קֶענְסְטוּ דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, נֶעם אַ תְּהִלִּים אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. אוֹיךְ בְּשַׁעַת'ן דַאוֶוענֶען קֶענְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַז דֶער בַּעַל תְּפִילָה אִיז מַאֲרִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּער דֶעקְן מִיטְ'ן טַלִית אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער זָאלְסְט וַוייטֶער דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מְבַטֵל זַיין אַלֶע קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה ג:): "דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן - אֲפִילוּ בְּאֶלֶף לֹא בָּטֵל", זָאגְט מוֹהַרְנַ"ת אַז מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן טוֹיזְנְטֶער קְלִפּוֹת וָואס ווילְן אַוֶועק נֶעמֶען אוּן מְבַטֵל זַיין זַיינֶע תְּפִילוֹת, אָבֶּער "לֹא בָּטֵל", זַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן נִישְׁט בָּטֵל וַוייל עֶס אִיז 'בְּמִנְיָן' עֶר דַאוְונְט מִיט מִנְיָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## מֶעג אִיךְ אָפְזָאגְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל יֶענֶער אִיז נִשְׁט חַסִידִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידל פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אָבֶער מַיין הַארְץ הָאט אַלְץ גֶעצוֹיגְן צוּ דִי חַסִיד'יִשֶׁע דֶרֶךְ, אוּן לֶעצְטְנְס אוֹיךְ צוּ דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ דֶרֶךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶער אִיךְ הָאב אַסַאךְ סְפֵיקוֹת אוֹיב עֶס אִיז רִיכְטִיג אַז אַ מֵיידְל זָאל זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיר טַאטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה.

אוֹיךְ וֶועגְן שִׁידוּכִים בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט. אִיךְ בִּין 24 יָאר אַלְט, שׁוֹין כִּמְעַט צְווֵיי יָאר אִין שִׁידוּכִים, אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַ חַסִיד'יִשֶׁע שִׁידוּךְ, אוּן יֶעצְט אוֹיךְ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִשְׁט זַיין אָפִּיצִיעֶל בְּרֶסְלֶב אָבֶער כָאטְשׁ אִין הַארְץ זָאל עֶר הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ דֶרֶךְ, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִשְׁט וִוי אַזוֹי דָאס זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאב נִשְׁט קַיין נָארְמַאלֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קֶען זֵיי נִשְׁט מַסְבִּיר זַיין מַיינֶע גֶעפִילְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ וֵוייס נִשְׁט אוֹיב זֵיי וֶועלְן הַאלְטְן דֶערְבַּיי. עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע לִיטְוִוישֶׁע שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאב זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן אַז אִיךְ וִויל עֶפֶּעס מֶער חַסִידִישׁ, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִשְׁט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ וִויל.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיב עֶס אִיז רִיכְטִיג אָפְּצוּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב אִיז עֶר אַ גוּטֶער בָּחוּר אָבֶער עֶר אִיז נִשְׁט חַסִידִישׁ, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶועל נִשְׁט מַצְלִיחַ זַיין זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אִין לֶעבְּן מִיט אַ טְרוּקֶענֶעם לִיטְוַואק.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן הָאבְּן דֶעם טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ׳; וֶוער הֵייסְט אַייךְ אָפְּלָאזְן זֵייעֶר וֶועג? אִיר דַארְפְט נִשְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, בְּלַייבְּט וִוי אַזוֹי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אוּן נֶעמְט דִי עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי׳ן.

בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידוּת אִיז נִשְׁט קַיין סְתִירָה מִיט קַיין שׁוּם חֲסִידוּת אוּן אָפְּשְׁטַאם; בְּסַךְ הַכֹּל וִויל דֶער רֶבִּי אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי וִויל אֵיין זַאךְ פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע צַייט; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִשְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ

מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וְוִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ' און אַז ווִיפִיל מָאל מֶען ווִיל זַיין גוּט וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ אָפְּזָאגְן שִׁידוּכִים; אִיר זֶענְט שׁוֹין פִיר און צְוָואנְצִיג יָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט אִיר? פַארְוָואס זָאגְט אִיר אָפּ שִׁידוּכִים? וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה און הָאבּ חֲתוּנָה; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

אַז מֶען טְרָאגְט אַייךְ אָן אַ גוּטֶער בָּחוּר זָאלְט אִיר זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים און זֶען זַיינֶע מִידוֹת און יִרְאַת שָׁמַיִם און וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין תְּשׁוּבָה, וֶוען אִיךְ ווייס זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אוּנְז אַלֶעמָאל מְחַזֵּק תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, און ווִי גְרִינְג עֶס אִיז תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען דַארְף בְּלוֹיז זָאגְן "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ". מַיין פְרַאגֶע אִיז אָבֶּער אִיךְ - וָואס אִיךְ בִּין גֶעזִינְקֶען אִין דִי ק' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, און עֶס אִיז מִיר קְלָאר און זִיכֶער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ זִינְדִיגְן, וֶועט דָאס הֶעלְפְן וָואס אִיךְ זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ.

אִיךְ ווייס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶּער פַארְלַאנְגְט דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי סַאךְ פוּן מִיר? אִיךְ שְׁפִּיר דָאךְ אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעזִינְקֶען אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת. אִיז נָאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט עוֹזֵב אֶת הַחֵטְא? אִיךְ ווייס קְלָאר אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים?

אַ דַאנְק

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וָואס דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ שׁוֹין לַאנְג אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע אוּן גֶעקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִים בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, דָאס וָוארְט מִשְׁנָה אִיז דִי נוֹטְרִיקוֹן פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט דָאס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק. אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִיפְּרֶעסְט הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְּרִית, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִינֶעם נֶעץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרָע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל

בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", װער עֶס װיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד װיל זַיין עֶרְלִיךְ, און טוּן דֶעם װילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין װילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּם צְווייטְן מָאל, און אִיךְ לֶעבּ זֵייעֶר גוּט מִיט מַיין וַוייבּ בָּרוּךְ ה', און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הָאט שְׁטַארְק נִישְׁט חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן צוּרִיק אֵיינְזַאם אוֹיף יוֹם טוֹב, און זִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק פוּן אִירֶע אַלְטֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

זִי זָאגְט מִיר אַז אִיךְ קֶען פָארְן, אָבֶּער עֶס גֵייט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי וֶועט פַארְלָאזְן טְרֶערְן זַייעֶנְדִיג טְרַאמַאטִיזִירְט פוּן אִיר פַארְגַאנְגֶענְהֵייט.

וָואס קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'ן צוּ טוּן?
~~~~~~~~~~~

יְיַשֵׁר כֹּחַ פוּן פָּארְאוֹיס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ אַוַדַאי קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו)**: "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.**

**גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוער; פַאר אַלֶע וָואס פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז דָאס שְׁוֶוער, סַיי פַאר דִי מֶענֶער וָואס פָארְן אוּן סַיי פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ׳. אָבֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ)**: "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען", לֵייגְן מִיר אַוֶועק אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייטְן אוּן מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן.**

**אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף דִי וַוייבּ אַז זִי לָאזְט נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיין וַוייבּ, 'אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ פָּארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אַזוֹי וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט וֶועט זִי דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אַדְרַבָּה זִי וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר׳.**

**דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ" - דָאס זֶעלְבֶּע זָאגְט מוֹהֲרָא"ש: - "אַז מֶען וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד, דוּ**

לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג און דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל וויסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר אַלֶעס מוֹחֵל זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט פַארֶעכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים, דוּ ווִילְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א'): אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן - דָאס אִיז וִידּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.
~~~~~~~~~~~

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, דוּ וֶועסְט דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע חֲטָאִים, עֲווֹנוֹת וּפְשָׁעִים אוּן אִים צוּזָאגְן אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעם. תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן אָן אַ שִׁיעוּר עֲבֵירוֹת, אוֹיב קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק, עֶר זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", דֶעמָאלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ - וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיב טוּט עֶר תְּשׁוּבָה הָאב אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָם", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְּלָן, אוֹיב טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּן אָפְּמַאכְן: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן'. יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת וִויל עֶר נָאר דָאס; אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוּן עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶעךְ מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת - טוּט עֶר נָאכְדֶעם תְּשׁוּבָה אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת זְכוּתִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה וֶוערְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת זָכִיּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער בָּחוּר זָאל בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן אִין דָארְמֶעטָארִי**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר לִיכְטִיגֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְּלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶועןְ מִיט אִים בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ.

יֶעצְט וֶוען מִיר הֵייבְּן צוּרִיק אָן יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט וָואלְט גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע תּוֹעֶלֶת עֶר זָאל בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִין דָארְמֶעטָארִי, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דֶעם סֵדֶר הַיְשִׁיבָה פוּן אִינְדֶערְפְרִי אַכְט אַזֵייגֶער, עֶר וֶועט זַיין בַּיי דִי גְמָרָא שִׁיעוּר. ווַייל פַארְיָאר פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען זֵייעֶר שְׁפֶּעט, עֶר פְלֶעגְט פַארְפַּאסְן גַאנְצֶע טֶעג פוּן יְשִׁיבָה.

דִי דָארְמֶעטָארִי אִיז אוּנְטֶער דִי הַשְׁגָחָה פוּן דִי יְשִׁיבָה; עֶס זֶענֶען דָא דָארְט נָאר בָּחוּרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~~

**עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי צַעַר אוּן לַיידְן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~~

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אוּן חַזֵר זִיךְ אַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט; גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר עֶר אַלֵיינְס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, - דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר דַיין לֶעבְּן וֶוערְן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט דֶעם שֵׂכֶל דֶער לֶעבְּט אִין גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה - דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, אַלֶעס וֶוערְט גְרִינְגֶער אוּן רוּאִיגֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַרוּם גֵיין אַזוֹי בְּצַעַר? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ אַזוֹיפִיל לַיידְן וְכוּ' וְכוּ'? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דַיין צָרָה, דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶועזְן! גֵיי אִין אַ ווינְקֶעלֶע וואו קֵיינֶער שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן בֶּעט אִים: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין וואוּיל אוּן גוּט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיךְ וִויל נָאר דִיר".**

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען פְלֶעגְט הֶערְן וִוי עֶר זָאגְט תְּהִלִּים מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן דְבֵיקוּת, אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק זִינְגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", אוּן עֶר זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם", טַאטֶע זִיסֶער וֶועם הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל? - אַלֶע זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן מִיר, ""וְעִמְּךָ"", אָבֶּער מִיט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִיךְ הָאבּ דִיר, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין".**

דֶעם לֵיל שִׁישִׁי וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען דֶער וֶועכֶנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר; עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען וָואכְן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַלֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**גֶעבּ צְדָקָה בֶּעפָאר דִי תְּפִילּוֹת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֵייבּ אָן דֶעם טָאג מִיט דַאוֶוענֶען. לוֹיף אִין שׁוּל מִיט דַיין טַלִית וּתְפִילִין, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג און אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶעם מָארְגְנְדִיגְן טָאג; גֵיי יֶעצְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ טוּ אָן טַלִית וּתְפִילִין און דַאוֶוען שַׁחֲרִית.

נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען כַאפּ אַ טֶענְצְל: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד"; שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט אַלֶעס בַּייצוּקוּמֶען.

וַוארְף אַרַיין אַפָּאר פְּרוּטוֹת אִין פּוּשְׁקֶע פַאר דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ דַאוֶוענֶען, דִי פָּאר פְּרוּטוֹת וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. גֶעבּ פַאר יֶעדֶע תְּפִילָּה אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "רַבִּי אֶלְעָזָר יָהֵיב פְּרוּטָה לְעָנִי וַהֲדַר מְצַלֵּי", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר פְלֶעגְט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר אַן אָרֶעמַאן און נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק י' מֵהִלְכוֹת מַתְּנוֹת עֲנִיִּים, הֲלָכָה טו): "גְּדוֹלֵי הַחֲכָמִים הָיוּ נוֹתְנִין פְּרוּטָה לְעָנִי קוֹדֶם כָּל תְּפִלָּה וְאַחַר כָּךְ מִתְפַּלְּלִין, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים יז, טו): "אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ", דִי גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט צוּ גֶעבְּן פַאר'ן דַאוֶוענֶען אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה; און אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צב, סְעִיף י'): "טוֹב לִיתֵּן צְדָקָה קוֹדֶם תְּפִלָּה", עֶס אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר'ן דַאוֶוענֶען.

גֶעבּ אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר און דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צְדָקָה, סִימָן כז): "יִתֵּן לִצְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, וְיִהְיֶה תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, וֶועט אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן דִי תְּפִילָּה.

מָארְגְן נָאכְט וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**ווי קֶען מֶען זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט מְטַמֵא גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען מֶען זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אַזַא אֵיינֶעם וָואס הָאט מְטַמֵא גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער?! עֶס אִיז אַ פֶּלֶא פַארְוָואס אַלֶע הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן מִיט אַייךְ וַוייל אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר דִי פָּאלִיצֵיי וָואס יֶענֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן מֶען הָאט אִים גֶעלֵייגְט אִין תְּפִיסָה.

אִיר פוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע; אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ וְכוּ׳ אִיז דָאס נִישְׁט אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אִיר פוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט זֵיי אוֹיבּ זֵיי ווִילְן רֶעדְן מִיט אַייךְ.

אִיר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעטוּן מִיטְ׳ן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען רֶעדְט מֶער נִישְׁט מִיט זֵיידִי אוּן בַּאבִּי, וַוייל דָאס אִיז אַ הֶירוּס אִין חִינוּךְ; אִיר גֶעבְּט זֵיי אַ חִינוּךְ אַז זֵיי זָאלְן דָאס טוּן מִיט אַייךְ וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן. זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אָנְזָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אָפְּצוּהַאקְן מִיט זֵיידִי בַּאבִּי - מִיט אַייךְ; זֶעטְס ווִי פְּרִיעֶר צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צוּמִישְׁט. מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער אַז מֶען הַאקְט אָפּ מִיט עֶלְטֶערְן - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַהִין גֵיין אָן דֶעם וָואס דִי קִינְדֶער זָאלְן כַאפְּן וָואס עֶס גֵייט פָאר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט מִיט דִי עֵצָה פוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וָואס וֶוער עֶס טוּט זֵיי קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז שִׁכְחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כו): ״אֶצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם״, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, ״אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה׳״, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, נָאכְדֶעם וָואס עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.
~~~~~~~~~~~

בֶּעטְס דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייךְ וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער אִין דִי יוּגְנְט; גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער. דָאס וֶועט מַאכְן עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם" אוּן דָאס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּעֶן אִים הַרְגְ'נֶען; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אײבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער. דֶערִיבֶּער, אַז אִיר וֶועט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע אַייעֶרֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים וֶועט דָאס צוּשְׁטַייטְלִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ בִּיז אִיר וֶועט עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן, וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעמֶען, וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מֶען הָאט אַייךְ דָאךְ בַּאצְוואוּנְגֶען וְכוּ'.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע צְוֵויי בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה יֶעדֶעס מָאל וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ אוּן הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מְסַדֵּר זַיין אַלֶע דַיינֶע חִידוּשִׁים פַאר דִיר אוּן וַוייטֶער מְחַדֵּשׁ זַיין, וֶועט דָאס זַיין פַאר דִיר פַאר אַ תִּיקּוּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קה): "טוֹב מְאֹד כְּשֶׁזּוֹכִין לְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר בַּתּוֹרָה, כִּי הוּא תִּקּוּן גָּדוֹל לְהִרְהוּרִים", מְחַדֵּשׁ זַיין אוּן טְרַאכְטְן אִין תּוֹרָה אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

בְּנוֹגֵעַ צִי דַיין וַוייבּ קֶען גֵיין צוּ אַ גוֹי'אִישֶׁע וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין צוּ אַ נִישְׁט אִיד, דֶער עִיקָּר זָאל דִי אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין נָאר אַ פְּרוֹי.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי יֶעדְן טָאג שְׁפַּאצִירְן אַלֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, וִוי דֶער
~~~~~~~~~~~

יֵצֶר הָרָע מוּטְשֶׁעט אוּן מוּטְשֶׁעט אָן אוֹיפְהֶער אוּן לָאזְט נִישְׁט אָפּ; אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיט דֶעם הַנְהָגָה, דוּ וֶועסְט זַיין אַן עַקְשָׁן צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף מְנַצֵּחַ זַיין.

גֶעבּ אַ גְרִיס פַּאר אַלֶע חֲבֵרִים; אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי אוּנְז דֶעם שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי אַלְקָאהָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט פַּאר אַ פִּדְיוֹן.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי אַלְקָאהָאל; דוּ נֶעמְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין קַיין אַלְקָאהָאל אִין דִיר אוּן דוּ טְרִינְקְסְט מֶער נִישְׁט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׁכְּרוּת, סִימָן ד): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ נִישְׁט אָן; קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ הָאסְט גֶע'חָלוֹמְ'ט וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חָלוֹם, סִימָן א): "לַחֲלוֹם רָע", פַּאר אַ שְׁלֶעכְטֶע חָלוֹם, "תֹּאמַר בַּבֹּקֶר", זָאל מֶען זָאגְן אִינְדֶערְפְרִי: "הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ", חֲלוֹמוֹת זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת; דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט זָארְגְן.

דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זָארְג נִישְׁט וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נה.): "חֶלְמָא בִּישָׁא", אַז מֶען חָלוֹמְ'ט זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע חָלוֹם, "עֲצִיבוּתֵיהּ מִסְתַּיֵּיהּ", דָאס וָואס מֶען אִיז דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, דָאס אַלֵיינְס אִיז מְבַטֵּל דֶעם חָלוֹם; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם
~~~~~~~~~~~

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י:): "אֲפִילוּ בַּעַל הַחֲלוֹמוֹת אוֹמֵר לוֹ לְמָחָר הוּא מֵת", אֲפִילוּ מֶען חָלוֹמְ'ט זִיךְ אַז מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן, "אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים", זָאל מֶען וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף הֶרְגֵּשִׁים אוּן אַ טַעַם אִין עֲבוֹדַת ה'.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין טִיפְן אַפְּגְרִינְד, עֶר לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי" אִיז נוֹטְרִיקוֹן מִשְׁנָה; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אַז דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין עֶקֶלְדִיגֶע מַעֲשִׂים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, עֶר וִויל דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן פַאר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). הֵייבּ אָן זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אֵיין מַסֶּכֶת נָאכְן צְוֵוייטְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנָיוֹת פוּן אָנְהֵייבּ, דָאס זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, דֶערִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף קַיין הֶרְגֵּשִׁים אוּן אוֹיף אַ טַעַם אִין דֶעם וְכוּ', נָאר זָאג תְּהִלִּים אַזוֹי וִוי דוּ שְׁטֵייסְט אוּן גֵייסְט. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף בַּאדַאנְקֶען דֶעם
~~~~~~~~~~~

צַדִיק רֶבִּי רְפָאֵל פוּן בֶּערְשִׁיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָאריץ זי"ע, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִלִים אֲפִילוּ קַאלְט אָן קַיין הִתְעוֹרְרוּת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "זָאגְט אֲפִילוּ אַ קַאלְטְן קַאפִּיטְל תְּהִילִים, נָאר דֶער עִיקָר אִיר זָאלְט זָאגְן תְּהִלִּים"; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט וַוייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער וֶועלְט צוּ זָאגְן תְּהִלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**טוּ תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט לַיידְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט קוּמְט צוּלִיבּ עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ, זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן בִּיז צוּם קֶבֶר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמא): "כְּשֶׁנִּפְטָר הָאָדָם, הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע קְלִפּוֹת אוּן מַזִיקִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם", זֵיי קְלָאגְן אוֹיפ'ן נִפְטָר אַזוֹי ווִי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, "רַחֲמָנָא לִצְלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ, כַּיָּדוּעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים, עַיֵין שָׁם; אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע רֵייד אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט לַיידְן קַיין צָרוֹת.

טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ גֵיי זַיין עֶרְלִיךְ, זַיי מִיר מוֹחֵל", וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִיבֶּערְגַאנְג. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַחְשָׁבָה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּדִבּוּר' וֶועט
~~~~~~~~~~

עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן"; אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

הַיינְט וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה ה' אַ שִׁיעוּר אוּם נַיין אַזֵייגֶער, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען קוּמֶען נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען קוּמֶען צִי מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

אִין אוּמַאן אַלֵיינְס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ מֶען אִיז, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. אַז עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ טֵייעֶר צוּ זַיין מִיט אוּנְז זָאלְסְטוּ גֵיין וואוּ עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס בֶּעסֶער, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז זַיין אִין אוּמַאן.
~~~~~~~~~~~

אַז דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דַיינֶע הוֹצָאוֹת - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; מוֹהַרָא"ש פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין אַז אוּיב מֶען ווִיל נִישְׁט פוֹשֵׁט רֶגֶל זַיין (בַּאנְקְרָאטִירְן) זָאל מֶען פוֹשֵׁט יַד זַיין, מֶען זָאל אוֹיסְשְׁטְרֶעקְן דִי הֶענְט אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי ווַייבּ; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט. הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזָן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ' - דַארְפְסְטוּ דָאס מְקַיֵּים זַיין, דוּ דַארְפְסְט בְּרֶענְגֶען פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד גֶעלְט.

זַיי עוֹסֵק אִין הַפָּצָה וֶועסְטוּ שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן שֶׁפַע; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְן 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרַיין לֵייגְן זַיינֶע הֶענְט אִין טַאשׁ וֶועט עֶר אֵייבִּיג טְרֶעפְן דָארְט גֶעלְט, וְכַךְ הֲוָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי הֶענְט אִין טַאשׁ אוּן גֶעטְרָאפְן גֶעלְט; מוֹהַרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "אִיךְ גֶעבּ אַ צְוֵוייטֶע בְּרָכָה, ווֶער עֶס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, עֶר וֶועט גֵיין מִיט קוּנְטְרֵסִים וְכַדּוֹמֶה בַּיי דִי הַייזֶער וְכוּ', וֶועט אֵייבִּיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**גֵייט צוּרִיק צוּ אֵייעֶר מַאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֵייט צוּרִיק צוּ אֵייעֶר מַאן; רֶעדְטְס אַייךְ נִישְׁט אַיין אַז יֶעסוּ וֶועט אַייךְ זַיין בֶּעסֶער מִיט אַ צְוֵוייטְן, ווַייל מִיט אַ צְוֵוייטְן וֶועט אַייךְ זַיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער. קוֹדֶם וֶועט אַייךְ זַיין שְׁוֶוער בִּיז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ שִׁידּוּךְ, נָאכְדֶעם וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר צְוֵוייטֶער מַאן אִיבֶּער "מַיינֶע קִינְדֶער" אוּן "דַיינֶע קִינְדֶער"; זַיינֶע קִינְדֶער ווֶעלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ אַייךְ מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה, זֵיי וֶועלְן אַייךְ לַאכְן אִין פָּנִים אוּן יֶעסוּ וֶועט אַייךְ זַיין בִּיטֶער שְׁוֶוער.
~~~~~~~~~~~

זָאג אִיךְ אַייךְ, גֵייט צוּרִיק צוּ אַייעֶר מַאן, הָאטְס רַחְמָנוּת אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער; אַייעֶר מַאן אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ פַארֶעכְטְן, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן. קִינְדֶער וֶוערְן חָרוּב וְנֶחְרַב וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים, בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַז רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ בַּיי קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'עֶ שְׁטוּבֶּער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּטִּין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ גֶט'ן זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַאךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; פַארְוָואס וֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן; דֶער מְנוֹרָה; דֶער אָרוֹן; וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, ווִי צוּ זָאגְן: "מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת...".

אִיר זָאגְט אַלֶעמֶען: "אִיךְ פָאלְג נָאר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט", יֶעדֶער וָואס רֶעדְט מִיט אַייךְ זָאגְט אִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה", "רֹאשׁ יְשִׁיבָה"; "וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט", זָאג אִיךְ אַייךְ קְלָאר וָואס אִיךְ הָאב מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ; וַוייל אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ לַיידְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן שֵׁיין אִין אוּמַאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר וֵוויי צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אִין אוּמַאן אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִינֶעם נַייעֶם בִּנְיָן - צְוֵוייט קְלַאסִיג. אִיךְ הָאב גֶעפְרֶעגְט דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְמוּנֶּה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צִי עֶס אִיז אֱמֶת וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אַז מֶען נֶעמְט נִישְׁט אוֹיף שֵׁיין דִי גֶעסְט וָואס קוּמֶען דַאוֶוענֶען; זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז הֵיי יָאר וֶועלְן זֵיי מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם פְּרַט אוּן מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם.
~~~~~~~~~~~

גֶעגֶבְּט אִיבֶּער פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן יַבְנִיאֵל אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן צוּ דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם אִין אוּמַאן, מִיר מַאכְן נִישְׁט קֵיין חִילוּק פוּן אַשְׁכְּנֶז'יִשֶׁע אִידְן אָדֶער סְפַרְד'יִשֶׁע אִידְן, מִיר וַוארְטְן אוֹיף אַייךְ אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְּרֵייעֶן צוּ זַיין צוּזַאמֶען; מִיר גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרַ"א"שׁ וָואס הָאט גֶעוִויזְן אַז מֶען קֶען דַאוֶוענֶען אִין אֵיין שׁוּל אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען פוּן אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים. מִיר זֶענֶען מַמְשִׁיךְ וָואס מוֹהֲרַ"א"שׁ הָאט גֶעטוּן בַּיי זַיין לֶעבְן, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרַ"א"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן, דָאס וָואס מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְן זִיךְ לִיב אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. פְּלֶעגְט מוֹהֲרַ"א"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז, אַ'נַ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען רוּאִיג.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ.**

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַז אִיר הָאט גֶעבוֹירְן אַ קִינְד לְמַזָּל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תִּחְיֶ' אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אִיר זאלט חַזֶר'ן אָן אַ שִׁיעוּר דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן", חַזֶר'ט אַייךְ דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אִיז מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.
~~~~~~~~~~~

ווי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַריין אין זיךְ די אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס איז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, דַאן לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן.

מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זיךְ גֶעמַאכְט אַ נִיגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער אַלְץ בָּחוּר וֶוען עֶר פְּלֶעגְט גֵיין אין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אין וַואלְד, פוּן די חַיּוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען די וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". מוֹהֲרַא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס איז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אין אָנְהֵייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אין וַואלְד, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט די וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם איז גֶעוָוארְן די שֵׁיינֶע נִיגּוּן אוֹיף די וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ איר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע כֹּחוֹת אוּן זֶען מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגְן די חֲסָדִים וָואס לִיגְט אוּנְטֶער אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**יֶעדֶער מוּז עֶפֶּעס טוּן צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זַיין עֶרְלִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין הַפָּצָה; זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן קֵיינֶעם אוֹיף די וֶועלְט. מַאךְ זיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, ווי לַאנְג בְּלַייבְּט מֶען אוֹיף די וֶועלְט? וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ מוּז עוֹסֵק זַיין אין הַפָּצָה; מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אין שְׁטוּבּ מִיט די פִיס אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דוּ קֶענְסְט זיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בִּפְרַט
~~~~~~~~~~~

אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין הארְבֶּע עֲבֵירוֹת, בִּיז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט גָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דַוְקָא דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן - דָאס רֶעדְט צוּ זֵיי אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט זֵיי; וואוּיל אִיז פַאר דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ ז"ל בְּעוֹלָם, דֶער אִיז עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וויל פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי הַפָצָה, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה, קכח): "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחְמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, טְרַאכְט נָאר: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען זַיינֶע קִינְדֶער?' דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~